בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש

פרשת פקודי
ב אדר ב'
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 22
(74)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןְ אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְבְּרִי נָאכְ'ן דַאוְוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועןְ דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיים סוֹף מַעֲשֶׂה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן אֱמֶת'ער בֶּן מֶלֶךְ עֶר זָאל גֵיין צוּ דֶעם מְדִינָה וָואס הֵייסְט: "**דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת**", אוּן דָארְט וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ זַיין גְּדֻלָּה. וֶוען דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ יֶענֶע לַאנְד, הָאבְּן אִים דִי שָׂרִים גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי דָאס לַאנְד הָאט גֶעהֵייסְן בִּיז הַיינְט: "דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת", אוּן הַיינְט רוּפְט מֶען אִיר שׁוֹין פַארְקֶערְט: "**דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת**", דֶערְפַאר אוֹיב קֶענְסְטוּ אוּמְקֶערְן צוּ דֶעם מְדִינָה אִיר עֶרְשְׁטְן נָאמֶען וֶועט מֶען דִיר אוֹיפְנֶעמֶען פַאר קֶענִיג.

### מֶען וֶועט דִיר אוֹיפְנֶעמֶען פַאר קֶענִיג

זַייעֶנְדִיג אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען דָאס זִיךְ אוּנְטֶער צוּ נֶעמֶען, הָאבְּן אִים דִי שָׂרִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי וִוילְן אִים פְּרוּאוְון אוֹיב עֶר אִיז טַאקֶע אַזַא גְרוֹיסֶער חָכָם; אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ גָארְטְן וָואס וַואקְסְט דֶערִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין דֶערִין, וַוייל וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין דֶערִין הֵייבְּט מֶען אִים אָן יָאגְן בִּיז מֶען מַאכְט אִים אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם גָארְטְן, דֶערְפַאר אוֹיב וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרַיין גֵיין דֶערִין וֶועט מֶען דִיר אוֹיפְנֶעמֶען פַאר קֶענִיג. מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז דֶער גָארְטְן גֵייט אַרוֹיף אוֹיךְ דִי וֶועלְט וָואס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, אָבֶער מֶען וֶוערְט דָא זֵייעֶר פַארְיָאגְט.

### נֶעבְּן דֶעם צַדִיק

הָאט זֵיי דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דוּרְךְ גֵיין דִי וֶועלְט אָן וֶוערְן פַארְיָאגְט, אוֹיב מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נֶעבְּן דֶעם צַדִיק, דַאן וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְיָאגְט, אוּן קֵיינֶער מוּטְשֶׁעט שׁוֹין נִישְׁט.

יֶעצְט וָואלְטְן דָאךְ דִי שָׂרִים אִים גֶעדַארְפְט אוֹיפְנֶעמֶען פַאר קֶענִיג, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַזוֹי גֶעטוּן. דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרִים צוּ אִים אָנְגִירוּפִין. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט חָאטְשֶׁע מִיר הָאבִּין פוּן דִיר גִיזֶעהְן אַזוֹי אַ זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט. פוּן אֵיין זַאךְ וֶועגִין. קוּמְט דִיר נָאךְ נִיט אָפְּצוּגִיבִּין דִי מְלוּכָה. מִיר וֶועלִין דִיךְ פְּרוּבְן נָאךְ מִט אֵיין זַאךְ. כַּאֲשֶׁר דָא אִיז פַארְהַאנְדִין אַ שְׁטוּל פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. אוּן דִי שְׁטוּל אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ. אוּן בַּיי דֶער שְׁטוּל שְׁטֵייעֶן אַלִירְלֵיי חַיוֹת אוּן עוֹפוֹת פוּן הָאלְץ אוֹיס גִישְׁנִיצְט. אוּן פַאר דֶער שְׁטוּל שְׁטֵייט אַ בֶּעטִיל אוּן בַּיי דֶעם בֶּעט שְׁטֵייט אַ טִישׁ אוּן אוֹיף דֶעם טִישׁ שְׁטֵייט אַ לַייכְטֶער. אוּן פוּן דֶער שְׁטוּל גֵייעֶן אַרוֹיס גִישְׁלָאגִינֶע וֶועגִין. אוּן דִי וֶועגִין זֶענֶען גִימוֹיעֶרְט. אוּן דִי וֶועגִין גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל אִין אַלֶע זַייטִין. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט גָאר נִיט וָואס סֶע אִיז דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי וֶועגִין אוּן דִי וֶועגִין אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אוּן צִיהֶען זִיךְ אַוֶועק אַ שְׁטִיק. שְׁטֵייט דָארְט אַ גִילְדִינֶער לֵייבּ. אוּן אַז אַ מֶענְשׁ זָאל צוּ אִים צוּ גֵיין. וֶועט עֶר עֶפִינֶען דָאס מוֹיל אוּן וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען. אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֵייבּ צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג נָאךְ וַוייטֶער. אוּן אַזוֹי בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל. דְהַיְינוּ בַּיי דֶעם אַנְדֶערִין וֶועג וָואס סֶע גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע זַייט. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי. אַז דֶער וֶועג צִיהְט זִיךְ אַ שְׁטִיק אַוֶועק. שְׁטֵייט דָארְט אֵיין אַנְדֶערֶע חַיָה. דְהַיְינוּ אַ לֶעמְפֶּערְט פוּן אַייזְן גֶעוַוארְק. אוּן דָארְט קָאן מֶען אוֹיךְ צוּ אִים נִיט צוּ גֵיין (כַּנַ"ל וָוארִין עֶר וֶועט אֵיין שְׁלִינְגֶען) אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֶעמְפֶּערְט צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג וַוייטֶער. אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין. אוּן דִי דָאזִיגֶע וֶועגִין. צִיהֶען זִיךְ אוּן גֵייעֶן אִין דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִיט וָואס דִי זַאךְ אִיז פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי אַלֶע זַאכִין מִיט דִי וֶועגִין. בְּכֵן וֶועסְטוּ דֶערְמִיט גִיפְּרוּבְט וֶוערִין. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קָאנֶען וִויסִין דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דֶעם אַלִימֶען.

### זַאכְן, סוֹדוֹת אוּן עִנְיָנִים

דִי שָׂרִים זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע פְּרוּאוו וָואס דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעצֵייגְט, קֶענֶענְדִיג דוּרְךְ גֵיין דֶעם גָארְטְן אוּמְגֶעשְׁטֶערְט, דָאס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט נָאר לִיבּ אוֹיבּ דֶער צַדִיק קֶען רֶעדְן זַאכְן, סוֹדוֹת אוּן עִנְיָנִים וָואס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט מִיר, אָבֶער דָאס אַלֵיינְס אַז עֶר קֶען מִיר גֶעבְּן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט.

### קוּק אוֹיף דַיין לֶעבְּן!

אֵיי, וָואס גֵייט דִיר אָן דִי זַאךְ פוּנֶעם שְׁטוּל? וָואס גֵייט דִיר אָן וָואס דִי אַלֶע גֶעשְׁלָאגֶענֶע וֶועגְן זֶענֶען? וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר?! קוּק אוֹיף דַיין לֶעבְּן! דֶער צַדִיק הָאט דִיר דָאךְ גֶעוִויזְן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, עֶר הָאט דִיר דָאךְ גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִין גָארְטְן, קֵיינֶער יָאגְט דִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּן קֵיינֶער מוּטְשֶׁעט דִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, פַארְוָואס אִיז דִיר דָאס נִישְׁט

גֶענוּג אִים אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַלְס צַדִּיק?

## מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט פְּשׁוּט'ע וֶוערְטֶער

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, ווייל מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט פְּשׁוּט'ע וֶוערְטֶער, מוֹהֲרָא"ש ווייזט דִיר אַ וֶועג ווי אַזוֹי צוּ הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ חַיִּים טוֹבִים, אוּן בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען זוּכְט אַ צַדִּיק וָואס קֶען רֶעדְן פוּן אַ שְׁטוּל אוּן גֶעשְׁלָאגֶעגֶע וֶועגְן... זַאכְן וָואס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט'ן מֶענְטְשׁ.

## זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, ווי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ חַיִּים טוֹבִים אוּן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, מִיט דִי ווייבּ, מִיט עֶלְטֶערְן אוּן מִיט דִי ווייבּ'ס עֶלְטֶערְן, אוּן מִיט אַ בַּעַל הַבַּיִת אוּן אַזוֹי ווייטֶער. דִי עֵצָה אִיז, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ מֶענְטְשְׁן, מֶען גֶעבְּט יֶעדְן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

## עֶפֶּענֶען דִי מִקְוֶה אִין אַלֶע צייטְן

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אַ אַרְבֶּעטֶער רֶעדְט שֵׁיין צוּ זַיין בַּעַל הַבַּיִת, וֶועט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעבְּן אַ רֶעיס (אַ הֶעכֶערוּנְג אִין גֶעהַאלְט), אָדֶער אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער, וֶועלְן דִי אַרְבֶּעטֶער טוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט פְלֵייסִיג. עֶס אִיז פְּלְאֵי פְּלָאִים, עֶס קֶען זַיין צְווֵיי מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן אַרַיין גֵיין אִין דֶעם זֶעלְבְּן גֶעשֶׁעפְט וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת וויל עֶס שׁוֹין פַארְמַאכְן, אֵיינֶעם לָאזְט מֶען אַרַיין אוּן דֶעם צְווייטְן נִישְׁט, פַארְוָואס? ווייל דֶער עֶרְשְׁטֶער רֶעדְט שֵׁיין צוּם בַּעַל הַבַּיִת - הָאט עֶר אַן אָפֶּענֶעם טִיר, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָאס מִיט אַ גַּבַּאי, אַ מְשַׁמֵּשׁ אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶרֶע פְּרִינְצִיפְּן וואו מֶען קֶען גֵיין אוּן וואו נִישְׁט, אוּן אַ צייט וֶוען זֵיי פַארְשְׁפַּארְן דִי מִקְוֶה וְכַדּוֹמֶה, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין, עֶר גֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע וֶוערְטֶער, פַאר אִים עֶפֶּנְט זִיךְ אַלֶע טִויעֶרְן, עֶר קֶען קוּמֶען אוּן גֵיין וואו עֶר וויל אוּן וֶוען עֶר וויל, פַאר אִים וֶועט מֶען עֶפֶּענֶען דִי מִקְוֶה אִין אַלֶע צייטְן.

## אַ גּוֹי'אִישֶׁע קַאר סֶערְוויס

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען רֶעדְט מִיט אַנְדֶערֶע פוֹנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט יֶענֶער אַלֶעס טוּן פַאר דִיר, פְּרוּבִּיר עֶס אוֹיס מִיט אַ גּוֹי'אִישֶׁע קַאר סֶערְוויס, גֶעווֶענְלִיךְ זָאגְן זֵיי "נֵיין" אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען בֶּעט זֵיי; עֶפֶּענֶען דִי פֶענְסְטֶער, צוּמַאכְן דִי פֶענְסְטֶער, אָנְצִינְדְן דִי עֶירְקָאנְדִישַׁאן, אוֹיסְלֶעשְׁן דִי עֶירְקָאנְדִישַׁאן, אָנְצִינְדְן דִי סְטִים אוּן אוֹיסְלֶעשְׁן דִי סְטִים, אוֹיף אַלֶעס אִיז דָא אֵיין תֵּירוּץ: "נֵיין", פְּרוּבִּיר אָבֶּער אוֹיס אִים צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִים: "**שְׁכּוֹחַ פַאר'ן מִיר דְרַייווְן**", "**דוּ הָאסְט אַזַא שֵׁיינֶע קַאר**", "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן**", וֶועסְטוּ זֶען פְּלוּצְלִינְג ווי אַלֶעס וָואס דוּ בֶּעטְסְט אִים וֶועט עֶר דִיר נָאכְגֶעבְּן.

## אִיךְ וֶועל עֶס אוֹיסְפַּאקְן פַאר דִיר...

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר אַרְבֶּעט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן דִי וָואךְ אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעלִיוֶוערְן סְחוֹרָה צוּ אַ גֶעווִיסֶע גֶעשֶׁעפְט, וָואס דָארְט גֵייט עֶס אַז יֶעדֶע קָאמְפֶּעְנִי וָואס קוּמְט אַהִין דֶעלִיוֶוערְן זֵייעֶר סְחוֹרָה דַארְף עֶס אַלֵיינְס אָפְּלָאדֶענֶען אוּן אוֹיסְפַּאקְן, אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם מֶענֶעדְזְשֶׁער אוּן שֵׁיין גֶערֶעדְט צוּ אִים, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט צְווֵיי דְרֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער: "**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ קוּמֶען צוּ דַיין גֶעשֶׁעפְט, ווייל דוּ בִּיסְט אַ וואוּלֶער מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז אַ פַארְגֶענִיגְן דִיךְ צוּ טְרֶעפְן, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ דַארְף אַהֶער קוּמֶען בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה**", דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּפַּאקְן זַיינֶע סְחוֹרָה, הָאט זִיךְ דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: "**ס'גוּט, הֶער אוֹיף צוּ שְׁלֶעפְּן, אִיךְ וֶועל עֶס אוֹיסְפַּאקְן פַאר דִיר...**" ווידֶער אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן דַארְפְן זִיךְ יָא מוּטְשֶׁען אוֹיסְצוּפַּאקְן זֵייעֶר סְחוֹרָה, ווערְנְדִיג פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטֵייט נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט זַיינֶע גוּטֶע עֵצוֹת, ווערְט מֶען מֶער נִישְׁט פַארְיָאגְט.

## עֶס ווֶענְדְט זִיךְ אִינֶעם אֵיידֶעם...

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מַיין שְׁוֶוער מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אִין זַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער'ס לֶעבְּן, אַזוֹי ווי אִיךְ זֶע בַּיי מִיר, אַז מַיין שְׁוֶוער אִיז מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ, עֶר מִישְׁט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אִין מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ הֶער דָאךְ ווי מַיינֶע שְׁוָואגֶערְס רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז מַיין שְׁוֶוער טֵיילְט זֵיי אַיין, טוּ אַהֶער אוּן טוּ אַהִין, זֶעט אוֹיס אַז עֶס ווֶענְדְט זִיךְ אִינֶעם אֵיידֶעם, אַז מֶען שְׁטֵייט נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק, מֶען ווייסְט ווי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אַ שְׁוֶוער, שֵׁיין אוּן פַּאזֶעטִיוו, דַאן אִיז דֶער שְׁוֶוער אַ חִידוּשׁ אוּן אַ וואוּלֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אַז מֶען ווייסְט נִישְׁט ווי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ מִיט אַ ווייבּ, אַז מֶען ווייסְט ווי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אַ ווייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין אוּן פַּאזֶעטִיוו הָאט מֶען אַ גוּטֶע ווייבּ.

## דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

וואו שְׁוֶוער אִיז פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן אַהֵיים צוּקוּמֶען אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי ווייבּ, אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֶען זַיין אַז עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער דָאס אַרוֹיס צוּ זָאגְן פוּן מוֹיל, אָבֶּער אַז אִיךְ ווייס דָאס ווִיכְטִיגְקֵייט דֶערְפוּן, אִיךְ ווייס אַז דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֵיי אִיךְ דָאס טוּן, אִיךְ גֵיי רֶעדְן שֵׁיין אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִינְדֶערְהֵיים. פַאר דֶעם אַלֵיינְס נֶעם אִיךְ שׁוֹין אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר קֶענִיג, אִיךְ נֶעם אִים אוֹיף פַאר אַ צַדִּיק אִיךְ זָאל אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר זָאגְט.

## קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט

עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ פַאר דֶער שֵׂכֶל אַלֵיינְס וָואס מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט אוּנְז, אַז "**קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט**"; אַז מֶען ווייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם שֵׂכֶל הָאט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אִינְדֶערְהֵיים, אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן גוּטֶע זַאכְן, "**בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ אוּנְז**", אוּן דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אִיז מֶען נָאר פַארְנוּמֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי ווייבּ אַהִין אוּן צוּרִיק, "**דַיין טַאטֶע**", "**מַיין טַאטֶע**", "**דַיין מַאמֶע**", "**מַיין מַאמֶע**". דֶער אִינְגֶערְמַאן ווייסְט אֵיין זַאךְ אַז אַלֶעס קוּמְט זִיךְ אִים, עֶר קְרִיגְט זִיךְ מִיט זַיין ווייבּ: "**דַיין**

**טאַטע איז אַ גַנָב!" פאַר דעם קינד האָט ער געגעבן אַ דאַון פּעימענט, פאַר דעם קינד האָט ער געגעבן אַ קערידזש, פאַר דעם קינד האָט ער געגעבן מיליאָן דאָלער, און פאַר אונז געבט ער גאָרנישט!"**

### ער האָט מיר געגעבן מער פון 'ביליאָן דאָלער'...

פאַר דעם אַליינס האָט זיך שוין געלוינט צו קומען צו דעם מענטש פון וואַלד ער זאָל מיר אויסלערנען אַז מיין שווער קומט מיר גאָרנישט, **ער האָט מיר געגעבן מער פון 'ביליאָן דאָלער', ער האָט מיר דאָך געגעבן זיין טאָכטער!** וואָס נאָך דאַרף איך? איך דאַרף מער גאָרנישט.

### יְיַשֵׁר כֹּחַ לענדלאָרד

אויך זענען דאָ מענטשן וואָס זענען פאַרנומען צו זאָגן: **"מיין לענדלאָרד איז אַ חַיָה! איך דאַרף אים נאָך צאָלן געלט"**, פאַרוואָס איז ער אַ חַיָה? ווייל ער האָט דיר אַריין גענומען וואוינען אין זיין דירה...?! עס איז אַ גרויס רַחֲמָנוּת אויף די מענטשן, שטעל זיך נעבן דעם מענטש פון וואַלד, דער צַדִיק, וועט אַלעס ווערן פיין און וואויל, דיין שֵׂכֶל וועט זיך צוריק דרייען צו טראַכטן גוט, באַדאַנק זיך פאַר דיין לענדלאָרד: **"יְיַשֵׁר כֹּחַ לענדלאָרד, פאַר דעם הויז וואָס דו האָסט מיר געגעבן צו וואוינען", יְיַשֵׁר כֹּחַ לענדלאָרד אַז דו ביסט דער ריכטיגער שָׁלִיחַ פונעם אייבערשטן מיר צו געבן אַ דירה צו וואוינען".**

### וואָס וואָלסטו געטון מיט דיין געלט?

איי איך צאָל דאָך אים געלט פאַר די דירה, דאַנק איך דעם אייבערשטן: **"בָּרוּךְ הַשֵׁם איך האָב וואו צו לייגן מיין געלט"**, שטעל זיך פאָר ער בעט דיר נישט קיין געלט, וואָס וואָלסטו געטון מיט דיין געלט? וואָלסט עס אַוועק געלייגט? אַוועק געלייגט פאַר ווען? בָּרוּךְ הַשֵׁם איך האָב וואו צו לייגן מיין געלט, אַביסל פאַר מיין לענדלאָרד, און אַביסל פאַר מיין גראָסערי מאַן, און אַזוי פאַר יעדן אַביסל...

### אָן זיך אָפּרעדן איז נישט דאָ וואָס צו רעדן...

און אֲפִילוּ דו האָסט נישט קיין הייס וואַסער, די בוילער אַרבעט נישט, איז אויך נישט דיין לענדלאָרד שולד, בעט דעם אייבערשטן אַז דו זאָלסט האָבן הייס וואַסער, דיין לענדלאָרד קען דיר נישט געבן קיין הייס וואַסער, וואָס זאָל ער טון אַז די בוילער איז צעבראָכן ווייל קאָנעדיסאָן (Con Edison) האָט פאַרמאַכט די געז? דאָס זענען מענטשן, מען האָט ליב זיך אָפּצורעדן אויף אַנדערע, אָן זיך אָפּרעדן איז נישט דאָ וואָס צו רעדן... און אַז דו האָסט עפּעס טַעֲנוֹת גיי צו אַ דַיָין, אַ איד דאַרף פרעגן יעדע שְׁאֵלָה פונעם דַיָין ער זאָל זאָגן וואָס עס שטייט אין די תּוֹרָה אויף דעם פאַל.

### קענסט זיך אַליינס אָנרופן...

דאָס איז די מַעֲלָה אַז מען האָט אַן אייגענעם הויז אַזוי האָסטו נישט וועם צו רופן מיט טַעֲנוֹת אויף דיין הויז, קענסט זיך אַליינס אָנרופן מיט טַעֲנוֹת: **"הַיִתָּכֵן איך האָב נישט קיין הייס וואַסער..."** איין עֵצָה איז דאָ בעטן דעם אייבערשטן און תְּשׁוּבָה טון.

### רעדן שיין צו קינדער

און דאָס איז מיט יעדן איינעם, מיטן גראָסערי מאַן, מיט'ן פלייש געשעפט, מיט'ן פיש געשעפט, מיט'ן מִקְוֶה איד, צו חֲבֵרִים, צו אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, רעדן שיין צו אַלעמען, זיך באַדאַנקען און געבן גוטע ווערטער. **דאָס רעדן שיין איז אַזאַ מַתָּנָה**, מען קען רעדן שיין צו קינדער, דאָס בויט זיי אויף, פאַר דעם אַליינס איז מיר שוין גענוג איך זאָל קומען צו דעם מענטש און אים אויפנעמען פאַר קעניג.

### די קַשְׁיָא איז אויף דיר

געדענק אַז דיין שווער קומט דיר גאָרנישט, דיין ווייב קומט דיר גאָרנישט, אַז דו קומסט אַהיים שַׁבָּת צופרי און דו זעסט ווי דיין ווייב שלאָפט נאָך, און די טיש איז נאָך איבער געדרייט פון נעכטן, איז גאָרנישט, דיין ווייב איז גאָרנישט שולדיג דערויף. די קַשְׁיָא איז אויף דיר, פאַרוואָס ביסטו נעכטן געגאַנגען שלאָפן נאַכט איידער דו האָסט אויפגערומט און אָנגעגרייט דעם שַׁבָּת טיש?

### איך האָב אַ סְגוּלָה

עס איז דאָ אַסאַך סְגוּלוֹת וואָס מען קען טון אַז מען זאָל זיך נישט אויפרעגן אויף די ווייב, איך האָב אַ סְגוּלָה וואָס איך טו יעדן טאָג און עס אַרבעט וואונדערליך; געוועינליך שטייט אויף אַ מאַמע פון קינדער די לעצטע מינוט איידער די קינדער דאַרפן שוין גיין אין חֵדֶר, און עס טוט זיך אַ בֶּהָלָה, מען טרעפט נישט די שיך וְכוּ', **האָב איך אַזאַ סְגוּלָה, יעדע נאַכט איידער איך לייג זיך שלאָפן נעם איך צוזאַם די שיך פון די הויז, איך לייג עס שיין ביי די וואַנט**, אַזוי טרעפט מען עס גלייך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי, קיינער לויפט נישט, קיינער יאָגט נישט, דער סְגוּלָה אַרבעט גאָר גוט.

### אֲפִילוּ די מַיִם אַחֲרוֹנִים...

די זעלבע זאַך האָב איך אַ סְגוּלָה אַז איך זאָל נישט צוקומען זיך צו רעגן שַׁבָּת אינדערפרי **"פאַרוואָס האָסטו גאָרנישט אָנגעגרייט?"** די סְגוּלָה אַרבעט אַז פרייטאָג צו נאַכטס גלייך נאָך די סְעוּדָה, גרייט איך שוין אַלעס אָן פאַר מאָרגן, די גייעטישטוך, די חַלּוֹת, אֲפִילוּ די מַיִם אַחֲרוֹנִים... אַזוי איז עס אַ סְגוּלָה אַז ווען איך קום אַהיים שַׁבָּת צופרי זע איך אַז אַלעס איז שוין גרייט, און איך דאַרף זיך נישט אויפרעגן.

### שטול, בעט, טיש, לייכטער און געשלאָגענע ווענט

אָבער ביי מענטשן איז דאָס אַלעס גאָרנישט ווערד, אֲפִילוּ ווען דער מענטש זעט ווי דער צַדִיק געבט אים אַזאַ שיינע לעבן, דו קענסט אַריין גיין אינעם גאָרטן און קיינער יאָגט דיך מער נישט, קיינער וואַרפט דיך נישט אַרויס, דאַרפסט זיך נישט קריגן מיט קיינעם, דאָך וויל ער דער צַדִיק זאָל רעדן צו אים ווערטער וואָס ער פאַרשטייט נישט, פון דער שטול, בעט, טיש, לייכטער און געשלאָגענע ווענט, און דער גאָלדענער לייב, און אייזערנע לעמפּערט, - דאָס איז שוין אַ חִידוּשׁ, נאָר דאָס איז אינטערעסאַנט.

## מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס דִיבּוּרִים - צוּ פָּשׁוּט

דָאס הָאבּ אִיךְ צוּגֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אַלֶע יָארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פַארְוָואס? נָאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ, הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דִי גוּטֶע חִיזוּק, אָבֶער נָאכְדֶעם אִיז אִים שׁוֹין גֶעוֶוען צוּ פָּשׁוּט מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס דִיבּוּרִים, עֶר דַארְף שׁוֹין הֶעכֶער...

## דָן בֶּן יַעֲקֹב אוּן יָרָבְעָם בֶּן נְבָט...

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט הוֹיכֶע זַאכְן, פוּן נְשָׁמוֹת, תִּיקוּנִים, אוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּלִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אוּן אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ וַוייל עֶר וִויל גֵיין הֶעכֶער, בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן דִמְיוֹנוֹת, אַז עֶס קוּמֶען צוּ אִים נְשָׁמוֹת פוּן הִימְל, **דָן בֶּן יַעֲקֹב אוּן יָרָבְעָם בֶּן נְבָט זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים...**

## בֶּערְן טַאנְצְן, קַאטְשְׁקֶעס פְלִיעֶן...

דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס מֶענְטְשְׁן קְלֶעבְּן דֶערְצוּ, עֶס גֵייט קֵיינֶעם שׁוֹין נִישְׁט אָן צִי דֶער מֶענְטְשׁ פַארְקוֹיפְט עֶפֶּעס, צִי עֶר קֶען מִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן אִין לֶעבְּן, **דָאס אַז עֶר רֶעדְט פוּן גֶעשְׁלָאגֶענֶע וֶועגְן, פוּן דֶער גָאלְדֶענֶער לֵייבּ אוּן דֶער אַייזֶערְנֶע לֶעמְפֶּערְט, פוּן בֶּערְן וָואס טַאנְצְן, אוּן קַאטְשְׁקֶעס וָואס פְלִיעֶן, אִיז זֵיי שׁוֹין גֶענוּג**, אֵיי דוּ וֶוערְסְט דָאךְ פַארְיָאגְט, מֶען יָאגְט דִיר אַהֶער, אוּן מֶען יָאגְט דִיר אַהִין, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן, וָואס הָאסְטוּ פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ?!

## פַארְוָואס מוֹהֲרָא״שׁ רֶעדְט נִישְׁט...

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אוֹיף אֵיינֶעם - פַארְוָואס יֶענֶער אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ אַז יֶענֶעם שְׁטֶערְט פַארְוָואס מוֹהֲרָא״שׁ רֶעדְט נִישְׁט פוּן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן יא): **״יֵשׁ שְׁנֵי בְּחִינוֹת יֵשׁ מִי שֶׁזִּוּוּגוֹ בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא שׁוֹמֵר אֶת בְּרִיתוֹ עַל פִּי הַתּוֹרָה שֶׁאֵינוֹ יוֹצֵא מִדִּינֵי הַתּוֹרָה וְיֵשׁ מִי שֶׁהוּא שׁוֹמֵר הַבְּרִית שֶׁזִּוּוּגוֹ מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת וְהוּא בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה**״, מוֹהֲרָא״שׁ רֶעדְט פוּן ׳שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל׳.

## דִי שְׁוַואכֶע סָארְט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דֶעם ׳בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳ אִין יְשִׁיבָה, אִיז גֶעוָוארְן אַ קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה צְווִישְׁן עֶטְלִיכֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זֵיי הָאבְּן גֶע׳טַעֲנָה׳ט אַז מִיר זֶענֶען דִי שְׁוַואכֶע סָארְט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, **זֵיי זֶענֶען אַ הֶעכֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן...** הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפְנְט אַ אַנְדֶערֶע שׁוּל, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיף גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, אוֹיסֶער וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען, דָאס הָאט זַייעֶר וֵויי גֶעטוּן פַאר מוֹהֲרָא״שׁ, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר בָּרַבִּים אַז מֶען גֵייט זִיךְ יֶעצְט צֶעטֵיילְן אוּן עֶפֶענֶען נָאךְ אַ שׁוּל אָבֶער עֶס וֶועט אָנְהַאלְטְן פוּן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר בִּיז פּוּרִים...

## אַ שִׁיעוּר אִין קַבָּלָה

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַז אֵיינֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ בֶּעטְן עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר - פַאר דִי הֶעכֶערֶע סָארְט תַּלְמִידִים - אִין קַבָּלָה, הָאט אִים מוֹהֲרָא״שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **״אִיךְ גֶעבּ דָאךְ שׁוֹין אַ שִׁיעוּר אִין קַבָּלָה, יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט!**״ וַוייל דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי דָאס זֶענֶען דָאךְ דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶערֶעדְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מֶען זָאל שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם רֶבִּי׳ן - **דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.**

## דוּ מוּזְט לוֹיפְן צוּ דִי גֶעשְׁלָאגֶענֶע וֶועגְן

דִי אַלֶע גֶעשְׁלָאגֶענֶע וֶועגְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַלֶע מַחֲלוֹקֶת אוּן שְׁלֶעגֶערַייעֶן וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין דִי וֶועלְט; לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ אַ חֲסִידוּת צֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי, הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן קָאכְן זִיךְ דֶערִין, כְּאִילוּ עֶס הָאט עֶפֶּעס מִיט זֵיי, מֶען רֶעדְט מִיט אַזַא בְּרֶען: **״הָאסְט גֶעהֶערְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט?**״ בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיר דֶערְצֵיילְן: **״דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעהֶערְט וָואס דָארְט טוּט זִיךְ?**״ עֶס מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס פֶעלְט דִיר אִין לֶעבְּן, עֶס פֶעלְט דִיר אַ חִיוּת, אַז דוּ מוּזְט אַ גַאנְצְן טָאג לוֹיפְן צוּ דִי גֶעשְׁלָאגֶענֶע וֶועגְן, מֵילָא אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַן אָפְּשְׁטַאמִיגֶער פוּן יֶענֶע חֲסִידוּת קֶען מֶען נָאךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דוּ לוֹיפְסְט צוּ דִי נַייעֶס, אָבֶער דוּ הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט מִיט יֶענֶע חֲסִידוּת, וָואס אִיז דַיין שִׂמְחָה אוּן הִתְלַהֲבוּת וֶוען אַנְדֶערֶע קְרִיגְן זִיךְ?! שְׁטֵיי נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס קֶען דִיר גֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן וֶועט דִיר זַיין גוּט.

## דֶער סַמְבַּטְיוֹן אוּן הָרֵי חֹשֶׁךְ

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ אַ שֵׁיינֶע שְׁאֵלָה: **״ווּאוּ אִיז דִי סַמְבַּטְיוֹן?**״ הָאט אִים מוֹהֲרָא״שׁ צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: **״אִיךְ זֶע דוּ הַאלְסְט שׁוֹין בַּיים סַמְבַּטְיוֹן, בִּיז אַהִין אִיז שׁוֹין אַלֶעס מְסוּדָר?...**״ אוּן מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אִים: ״דוּ זֶע אֵיין זַאךְ, אַז דֶער סַמְבַּטְיוֹן זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר, עֶס זָאל נִישְׁט פְלִיעֶן קַיין שְׁטֵיינֶער בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים אוּן בַּיי דִיר אִין מֹחַ״. אוֹיפְ׳ן זֶעלְבְּן גַאנְג הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט ווּאוּ זֶענֶען דִי ׳הָרֵי חֹשֶׁךְ׳, הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט: **״וָואס גֵייט דִיר אָן וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, דוּ זֶע אַז בַּיי דִיר זָאל נִישְׁט זַיין חֹשֶׁךְ, בַּיי דִיר זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין לִיכְטִיג**״.

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זֶען אַז דִי ׳סַמְבַּטְיוֹן׳ אוּן דִי ׳הָרֵי חֹשֶׁךְ׳ זָאלְן נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, אִינְדֶערְהֵיים זָאל נָאר זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיכְטִיג. אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע**״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם רֶבִּין, אוּן מִיר זָאלְן אִים פָאלְגְן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **״שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ**״.